בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א, שבת קודש פרשת ואתחנן - שבת נחמו, שנת תשפ"א לפרט קטן, אין שטעטל, קרית ברסלב - ליבערטי יע"א, ביי סעודה שלישית.

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com
צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

גרפיקה עיצוב ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** 05276-27127

**שבת קודש פרשת ואתחנן, שבת נחמו, שנת תשפ"א לפרט קטן, ביי סעודה שלישית האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט ספר הקדוש שיחות הר"ן, סימן מא.**

## א חשבון הנפש

זאגט דער הייליגער רבי: "לֵב נִשְׁבָּר וְעַצְבוּת אֵינוֹ עִנְיָן אֶחָד כְּלָל", א לב נשבר און עצבות - זענען צוויי באזונדערע זאכן, "כִּי לֵב נִשְׁבָּר הוּא בַּלֵּב", ווייל א 'לב נשבר' איז צעבראכן אין הארץ, "אֲבָל עַצְבוּת הוּא בָּא מִן הַטְּחוֹל", אבער 'עצבות' קומט פון די טחול (מילץ). "וְעַצְבוּת שֶׁהוּא מֵהַטְּחוֹל, הִיא סִטְרָא אַחֲרָא וְהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא שׂוֹנֵא אוֹתָהּ", און 'עצבות' קומט פון די סטרא אחרא און דער אייבערשטער האט עס פיינט. "אֲבָל לֵב נִשְׁבָּר הִיא חָבִיב לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אבער א 'לב נשבר', איז זייער באליבט ביים אייבערשטן, "כִּי לֵב נִשְׁבָּר יָקָר מְאֹד מְאֹד בְּעֵינָיו יִתְבָּרַךְ", ווייל א 'לב נשבר' איז זייער טייער ביים אייבערשטן. "וְהָיָה טוֹב שֶׁיִּהְיֶה לוֹ לֵב נִשְׁבָּר כָּל הַיּוֹם, אַךְ אֲנָשִׁים כְּעֶרְכְּכֶם יְכוֹלִין לָבוֹא מִלֵּב נִשְׁבָּר לְעַצְבוּת", באמת וואלט גוט געווען מען זאל א גאנצן טאג ארומגיין מיט א 'לב נשבר', נאר וויבאלד מיר קענען צוקומען דורך דעם 'לב נשבר' צו 'עצבות', "עַל־כֵּן צְרִיכִין לְיַחֵד אֵיזֶה שָׁעָה בַּיּוֹם שֶׁיִּהְיֶה לוֹ לֵב נִשְׁבָּר, דְּהַיְנוּ לְהִתְבּוֹדֵד וּלְשַׁבֵּר לִבּוֹ לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ כַּמְבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר (עין לקוטי תנינא סימן כה, ולקמן מז, רלב), אֲבָל שְׁאָר כָּל הַיּוֹם כֻּלּוֹ יִהְיֶה רַק בְּשִׂמְחָה", דערפאר דארף מען באשטימען איין שעה איין טאג וואס מען זאל ארומגיין מיט א 'לב נשבר', און דעמאלט זיך מתבודד זיין, צעברעכנדיג דאס הארץ צום אייבערשטן, און די איבריגע חלק פון טאג זיין נאר פרייליך. "וְעַל זֶה הִזְהִיר אוֹתָנוּ כַּמָּה פְּעָמִים, לְהִתְאַמֵּץ וּלְהִתְגַּבֵּר שֶׁלֹּא יִהְיֶה לָנוּ לֵב נִשְׁבָּר רַק אֵיזֶה שָׁעָה בַּיּוֹם, וְעַצְבוּת כְּלָל לֹא. וּשְׁאָר כָּל הַיּוֹם יִהְיֶה בְּשִׂמְחָה", און אויף דעם האט אונז דער רבי עטליכע

מאל געווארנט, מיר זאלן קיינמאל נישט זיין 'בעצבות', נאר איין שעה אין טאג זאל מען האבן א 'לב נשבר', און די איבריגע חלק טאג זיין 'פרייליך'.

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: דער רבי זאגט דא, א מענטש זאל באשטימען איין שעה אין טאג וואס ער זאל זיך דעמאלט מאכן א 'חשבון הנפש', זיך בארעכענען וואו ער האלט אויף דער וועלט, ער זאל איבערגיין זיין טאג מיט'ן אייבערשטן, 'האב איך גדאווענט היינט?' 'האב איך היינט געלייגט תפילין?' 'האב איך היינט געלערנט די הייליגע תורה?' אז מען שמועסט זיך גוט אויס מיט'ן אייבערשטן ווי אזוי דער טאג איז אריבער - דאן פאפט מען זיך נישט, מען זעט דעם אמת'ן בילד וואו מען האלט אין עבודת השם.

## א בוכהאלטער

ווען עס קומט צו 'גשמיות', צו פארדינען געלט, פארשטייט יעדער איינער אז א ביזנעס מוז האבן א 'בוכהאלטער', איינער וואס האלט חשבון וויפיל סחורה מען האט איינגעקויפט און וויפיל סחורה עס איז אויסגעגאנגען און וויפיל געלט מען האט פארדינט, און אן א 'בוכהאלטער' קען די גאנצע ביזנעס אריינפאלן טיף אין גרוב, פאר'ן בעל הבית קען זיך דאכטן ווי ס'טוט זיך, מען קויפט און פארקויפט, ער פארדינט אסאך געלט - אבער איין טאג וועט ער זיך דערזען אין א לאך פון שווערע ריזיגע חובות, ווייל ער האט נישט געמאכט די ריכטיגע חשבונות פון זיין ביזנעס צי ער פארדינט אדער דערלייגט.

איך האב שוין גערעטעוועט אסאך אינגעלייט פון חובות, נאכ'ן מיינען א לענגערע צייט אז זיי פארדינען שיין, ביז דערווייל האבן זיי נישט נאר 'נישט פארדינט' נאר 'גאר אסאך דערלייגט', השם ישמרינו, נישט צולייגנדיג קאפ צו די פונקטליכע חשבונות פון יעדע זאך אין

זייער ביזנעס.

דאס איז נישט נאר געזאגט געווארן פאר גרויסע ביזנעס-לייט וואס פירן גרויסע געשעפטן, נאר אפילו א בחור וואס עפענט א קליינע געשעפט ווי ער פארקויפט טשאקלעט מילך וכדומה, מיינדיג: ׳איך פארדינט געלט, איך וועל האבן געלט זיך חתונה מאכן...׳ ביז דערווייל פון יעדע באטל וואס ער פארקויפט פארלירט ער מער און מער... אויב מאכט ער נישט די ריכטיגע חשבונות פון זיין ביזנעס.

אויב איז דאס ׳בגשמיות׳, איז דאס פיל מער ׳ברוחניות׳, אויב א מענטש מאכט נישט קיין ׳חשבון הנפש׳ פון זיין טאג, ער גייט נישט איבער מיט׳ן אייבערשטן וואס ער טוט במשך זיין טאג, דאן איז ער אין א גרויסע סכנה, אים קען זיך דאכטן ווי ער איז שוין א גרויסער צדיק, ער שטייט שוין גאר הויך אין עבודת השם - אין די צייט וואס ער דארף נאך גרויס רחמי שמים ער זאל פשוט זיין א איד; דערפאר מוז א מענטש באשטימען יעדן טאג א צייט, וואס דעמאלט שמועסט ער איבער מיט׳ן אייבערשטן זיין טאג וואס ער האט געטון פון זיין אויפשטיין אינדערפרי ביז ביינאכט, אזוי קען ער זיין רואיג אז ער פארדינט אין זיין טאג.

אבער די ׳שעה׳ וואס דער רבי זאגט, מיינט נישט דוקא א ׳שעה׳ פון זעכציג מינוט, עס מיינט ׳א צייט׳, מען זאל זיך באשטימען עפעס ׳צייט׳ יעדן טאג וואס דעמאלט קוקט מען זיך איבער צי מען האט געטון אלעס וואס מען דארף טון פאר׳ן אייבערשטן.

אוודאי טאר מען נישט אריינפאלן דורכדעם אין עצבות חס ושלום, אזוי ווי דער רבי זאגט מען זאל אכטונג געבן נישט אריינצופאלן צו ׳עצבות׳ דורך דעם ׳לב נשבר׳, אבער מען טאר זיך אויך נישט פאפן, א מענטש דארף וויסן וואו ער האלט אויף דער וועלט, צי ער פארדינט אדער ער דערלייגט חס ושלום, און זיך פארנעמען זיך צו פארבעסערן

אין וואס ער דארף זיך פארבעסערן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן וועלן מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.